בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת יתרו
כ שבט
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 17
(69)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



**(חֵלֶק ב', הֶמְשֵׁךְ פוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן).**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעוֶועֶן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועֶן דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער, דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶערִיטְן אוֹיפְ'ן פֶערְד הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֱמֶת'ער בֶּן מֶלֶךְ:

אִיךְ קָאן אָבֶער אַ זַאךְ וָואס סֶע אִיז בֶּעסֶער פוּן דַיין כְּלִי. אִיךְ וֵויים אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גִיוֶוען פוּן מַיינֶע עֶלְטִירְנְס עֶלְטֶערִין. אַז מֶע זָאל זַיין אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. דְהַיְינוּ אִיךְ וֵויים אַזוֹי אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גִיוֶוען פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִינְס עֶלְטֶערִין. וָואס דוּרְךְ דֶער זַאךְ קָאן מֶען זַיין אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. (מֶע זָאל פַארְשְׁטֵיין אֵיין זַאךְ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַאךְ) אַז אֵיינֶער רֶעט עֶפֶּעס אֵיין וָוארְט. קָאן מֶען דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גִיוֶוען. אַז מֶע זָאל פַארְשְׁטֵיין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר (דְהַיְינוּ אֵיין זַאךְ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער) אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ דִי זַאךְ נִיט אוֹיסְגִיזָאגְט פַאר קֵיין שׁוּם מֶענְשְׁן אִין דֶער וֶועלְט. בְּכֵן וֶועל אִיךְ דִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי דָאזִיגֶע זַאךְ. אוּן דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבִּין דִי דָאזִיגֶע כְּלִי דֶערְפַאר. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען (דְהַיְינוּ דֶער אֱמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט גִיהַאט דִי כְּלִי) סֶע אִיז אֵיין אֱמֶת אֵיין גְרוֹיס חִידוּשׁ אַז מֶע זָאל זַיין אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. הָאט עֶר אִים אַוֶועק גִיגִיבְּן דִי כְּלִי. אוּן עֶר (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד) אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אִים אוֹיס גִילֶערִינְט עֶר זָאל זַיין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. אוּן דֶער אֱמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ. מַחְמַת עֶר אִיז שׁוֹין גִיוָוארִין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. אִיז עֶר דָארְט אוּם גִיגַאנְגֶען בַּיי דֶעם טוֹיעֶר פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז סֶע אִיז יוֹא גִימָאלְט אַז עֶר זָאל זִיךְ דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען. אַז עֶר זָאל אוּמְקֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין גִיוָוארִין אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז סֶע אִיז גִימָאלְט חָאטְשֶׁע עֶר הָאט נָאךְ נִיט גְוואוּסְט וִוי אַזוֹי. ווִירְמִיר וֶועט עֶר דָאס קָאנֶען אַז עֶר זָאל אוּמְקֶערִין דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען צוּ דֶער מְדִינָה. נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגִין פָארְט וַוייל עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז סֶע אִיז גִימָאלְט.

### אִיךְ קֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶעס

וֶוען דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ אִיז גֶעוָוארְן אַ 'מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר' הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז יָא מֶעגְלִיךְ עֶר זָאל קֶענֶען צוּרִיק קֶערְן צוּם לַאנְד אִיר עֶרְשְׁטְן נָאמֶען אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי. דֶער מַתָּנָה פוּן זַיין אַ 'מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר' הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְן, מִיר זָאלְן וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז מֶעגְלִיךְ, אִיךְ קֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶעס.

### עֶס אִיז יָא מֶעגְלִיךְ

אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים וֶוערְט מֶען אַ 'מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר', אִיךְ וֶוער גֶעוואוֹיר אַז אִיךְ קֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ קֶען לֶערְנֶען, אִיךְ קֶען וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ קֶען זַיין פְּרֵיילִיךְ, אִיךְ קֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט יֶעדֶע זַאךְ. וִוי אַזוֹי? דָאס וֵויס אִיךְ נָאכְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף נָאךְ הֶערְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אִיךְ דַארְף נָאךְ זֶען וָואס אִיךְ הָאבּ צוּטוּן, אָבֶער אִיךְ וֵויס אַז 'עֶס אִיז יָא מֶעגְלִיךְ' אִיךְ זָאל נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

### הַיינְטִיגֶע צַייטְן...

דֶער שְׁפְּרַאךְ בַּיי מֶענְטְשְׁן אִיז: "הַיינְטִיגֶע צַייטְן קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט זַיין עֶרְלִיךְ, הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין צַדִיקִים, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, תְּמִימוּת'דִיגֶע אִידְן, אֱמוּנָה'דִיגֶע אִידְן, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת, דִי אַמָאלִיגֶע פְּרוֹיעֶן, מִיט אַזַא מִין תְּמִימוּת, הַיינְט אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא, הַיינְט אִיז שׁוֹין נִישְׁט מֶעגְלִיךְ..." אוּן לֵיידֶער מִיט דֶעם וַואקְסְן קִינְדֶער אוֹיף, דָאס גֵייט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דוּרְךְ דִי מְחַנְּכִים אוּן קִינְדֶער

מַעֲשֶׂה טֶעיפְּ'ס.

## יֵאוּשׁ אִין קִינְדֶער

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן קִינְדֶער טֶעיפְּ'ס וָואס דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, אָבֶּער בַּיי גְעוִויסֶע טֶעיפְּס קְרַאצְט מִיר אַלְץ אִין אוֹיעֶר וֶוען אִיךְ הֶער ווִי מֶען עֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה: **"טַייעֶרֶע קִינְדֶער; אַמָאלִיגֶע צַייטְן אִיז נָאךְ גְעוֶוען דִי סָארְט אִידְן, מִיט אַזַא אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן, הַיינְט עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא"...** צְווִישְׁן דִי וֶוערְטֶער לֵייגְט מֶען אַרַיין אַ יֵאוּשׁ אִין דִי קִינְדֶער, כְּאִילוּ אַמָאלִיגֶע צַייטְן הָאט מֶען נָאךְ גְעקֶענְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן הַיינְט אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ. אִיךְ טְרַאכְט אַלְץ 'הַלְוַאי' קֶען מֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן **אֵייגֶענֶע קִינְדֶער טֶעיפְּ'ס, אֵייגֶענֶע קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת, וָואס זָאל וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע זַאכְן, צוּ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן תְּמִימוּת אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.**

## הַיינְט הֶערְט מֶען שֶׁענֶערֶע מַעֲשִׂיּוֹת

מֶען הֶערְט מֶענְטְשְׁן זָאגְן, "וָואס וֵוייסְן דִי הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת, אַמָאל הָאט מֶען גְעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען אִיז גְעגַאנְגֶען צוּם צַדִּיק בֶּעטְן אַ בְּרָכָה, דֶערְנָאךְ וֶוען מֶען אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען הָאט מֶען שׁוֹין גְעטְרָאפְן דֶעם אוֹצָר, הַיינְט הֶערְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת"... דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, הַיינְט הֶערְט מֶען שֶׁענֶערֶע מַעֲשִׂיּוֹת, מֶען הֶערְט ווִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְלֵייבְּנְדִיג מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען נִסִּים וְנִפְלָאוֹת. אוֹיסֶער דֶעם, הָאט נִישְׁט קַיין זִין ווִי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן הַיינְט, מֶען קֶען נִישְׁט פְרֶעגְן אַ מֶענְטְשׁ: "ווִי אַזוֹי לֶעבְּסְטוּ?" "פוּן וואוּ הָאסְטוּ דָאס גֶעלְט צוּם לֶעבְּן?" וַוייל דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: **"אִיךְ לֶעבּ נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מִיר יֶעדְן טָאג!"** פֶּען אוּן פַּאפִּיר שְׁטִימְט נִישְׁט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת צוּם לֶעבְּן, דִי גַאנְצֶע בּוּדְזְשֶׁעט פוּנֶעם לֶעבְּן אִיז נָאר דוּרְךְ נִסִּים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## עֶס אִיז אַ בַּאבֶּע מַעֲשֶׂה

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט שָׁלוֹם בַּיִת; אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גְעהֶערְט ווִי זַיין זֵיידֶע זָאגְט: **"שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז אוֹיפְגֶעמַאכְט, עֶס אִיז אַ בַּאבֶּע מַעֲשֶׂה, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז גְעמַאכְט פַאר אֵיין טָאג, פַאר אֵיין נַאכְט, מֶער פוּן דֶעם קֶען נִישְׁט זַיין, עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ!"** דָאס אִיז טַאקֶע סְתָּם אַזוֹי, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים וֶוערְט מֶען אַ מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר, אוּן מֶען וֶוערְט גְעוָואוֹיר אַז עֶס אִיז יָא מֶעגְלִיךְ צוּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען

ווִי אַזוֹי אִיז עֶס מֶעגְלִיךְ - אִיךְ וֵוייס נָאכְנִישְׁט, דָאס דַארְף אִיךְ נָאךְ הֶערְן, אִיךְ דַארְף נָאךְ לֶערְנֶען דִי עֵצוֹת, אִיךְ דַארְף נָאךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ. אוּן מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ קוּמֶען פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן אַז דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן אִינְדֶערְהֵיים, דֶער רֶבִּי הָאט פַאר יֶעדְן אַן עֵצָה.

## כֻּלּוֹ זֶרַע אֱמֶת

יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעבְּט הַיינְט עֵצוֹת פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער גֶעבְּט אַזַא עֵצָה, דֶער גֶעבְּט אַזַא עֵצָה, אַלֶע סָארְטְן עֵצוֹת, אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת אִיז עֶס "כֻּלּוֹ זֶרַע אֱמֶת" (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ז).

## גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער

וָואס זָענֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן? דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד) מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רב) ווִיבַּאלְד נָשִׁים דַּעְתָּן קַלָּה, פְּרוֹיעֶן זֶענֶען בִּקְטַנּוּת הַדַּעַת - דַארְף מֶען גֶעבְּן אַסַאךְ כָּבוֹד פַאר דִי וַוייבּ, וַוייל ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז בִּקְטַנּוּת הַדַּעַת אַלְץ מֶער דַארְף מֶען גֶעבְּן כָּבוֹד אוּן לָאזְן זַיין גְערֶעכְט; דֶערְפַאר דַארְף מֶען רֶעדְן שֵׁיין אוּן גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער אִינְדֶערְהֵיים.

## אַן אַטֶענְשָׁאן זוּכֶער (Attention seeker)...

דָאס אִיז נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף חוֹזֵק צוּ מַאכְן אָדֶער אַוֶועק מַאכְן דִי פְרוֹיעֶן אַז זֵיי דַארְפְן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז דָא אַ וָוארְט בַּיי קִינְדֶער: "דוּ בִּיסְט אַן אַטֶענְשָׁאן זוּכֶער (Attention seeker)"... דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן וֶוען אֵיינֶער דַארְף נִישְׁט קַיין אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט (אַטֶענְשָׁאן), אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט קַיין אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, עֶר דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט, אָבֶּער ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט ווִיל עֶר מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף אִים אוּן רֶעדְן פוּן אִים, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אַז פְרוֹיעֶן דַארְפְן עֶס מֶער.

## אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ זָאגְן

אַ פְרוֹי דַארְף גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַ פְרוֹי ווִיל מֶען זָאל רֶעדְן פוּן אִיר, פוּן אִיר שֵׁיינֶע קְלֵייד, פוּן אִיר שֵׁיינֶע אָנְגֶעטוּעכְץ, אַ פְרוֹי ווִיל הֶערְן: **"בִּיסְט אַזוֹי שֵׁיין", "בִּיסְט אַזוֹי זִיס"**. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ זָאגְן, מֶענְטְשְׁן קֶענֶען אַלֶעס זָאגְן, אַלֶעס אַרוּם אוּן

אַרום, אויסער די פַּשׁוּט'ע גוטע ווערטער, אָבער אַז אַ מענטש געבּט גוטע ווערטער אין שטוּב, ער איז מְכַבֵּד אין שטוּב, איז מעגליך צו האָבּן שָׁלוֹם בַּיִת.

## אַ מָאבּיל אַ גאַנץ יאָר

אַ אינגערמאַן דערציילט מיר היינט, איינער האָט אים געזאָגט: **"אַ שָׁאד אַז דיין בּרודער ... האָט חֲתוּנָה געהאַט אַזוֹי יונג, ער וועט נישט קענען הֲנָאָה האָבּן פון די מָאבּיל (Mobile) מיט די בָּחוּרים אום פּוּרִים; פאַרוואָס דאַרף מען אים אַוועק נעמען די יאָרן וואָס ער קען זיך נאָך אויסגעבּן מיט אַ מָאבּיל? דאָס בּיסל צייט אַלס בָּחוּר איז דאָך זיין צייט וואָס ער קען זיך אויסגעבּן און הֲנָאָה האָבּן"**... עס איז אַ גרויסע רַחֲמָנוּת אויף יענעם, ער ווייסט נישט אַז נאָך די חֲתוּנָה קען איך האָבּן דאָס מָאבּיל אַ גאַנץ יאָר, נישט נאָר איינמאָל אַ יאָר פּוּרִים פאַר פינף שָׁעָה, איך קען פאַרבּרענגען אַ גאַנץ יאָר, ער האָט דאָס נאָך קיינמאָל נישט צוגעזען, זיינע עלטערן קריגן זיך, זיינע געשוויסטער קריגן זיך, פרעגט ער מיט רעכט: "פאַרוואָס זאָל מען חֲתוּנָה האָבּן אַזוֹי יונג?"...

## בּיי די פוּפצן קען מען שוין זיין געֶ'גט?

אַ צווייטער אינגערמאַן דערציילט מיר, איינער האָט אים געפרעגט: **"אַז מען האָט חֲתוּנָה אַזוֹי יונג, קומט אויס בּיי די פוּפצן קען מען שוין זיין געֶ'גט...?!"** פאַרוואָס עפּעס זיין געֶ'גט?! בּיי יענעם אין מֹחַ איז די גאַנצע זאַך פון שָׁלוֹם בַּיִת נישט מעגליך, ער האָט נאָר חֲתוּנָה ווייל די גאַנצע כִּתָּה האָט חֲתוּנָה מוז איך דאָך אויך חֲתוּנָה האָבּן...

## נישט אין די זעלבּע צייט

בּיים רֶבּי'ן איז יאָ מעגליך צו האָבּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַז מען רעדט שיין און מען געבּט גוטע ווערטער אינדערהיים. דער יֵצֶר הָרָע קומט צו אַ מענטש און דריידט אַ קאָפּ זאָגנדיג: "**זי איז אַ מְשׁוּגַע'נע, גט איר אָפּ**". דער יֵצֶר הָרָע קומט אָן צו יעדן, ער קומט נישט צו יעדן אין די זעלבּע צייט, צו איינעם קומט ער היינט, צו איינעם קומט ער מאָרגן, בּיי איינעם איז ער שוין געווען נעכטן, דאַן נוּצט מען דעם רֶבּי'נס עֵצָה פון תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מען גייט אין אַ זייט און מען בּעט דעם אייבּערשטן: **"הייליגער בּאַשעפער העלף מיר איך זאָל זיין פרייליך, העלף מיר איך זאָל זען גוטס אין מיין ווייבּ וואָס דו האָסט מיר געגעבּן"**, אַז מען פירט זיך אַזוֹי איז עס יאָ מעגליך.

## מער פרייליך מיט די ווייבּ

טייערע אינגעלייט. עס איז נישט דאָ קיין סֵדֶר וואָס דער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זאָל נישט רעדן פון דעם אַז דער אייבּערשטער רוּט נאָר וואו עס איז דאָ מאַן און ווייבּ, דאָרט וואו מאַן און ווייבּ לעבּן בְּשָׁלוֹם, בִּפְרַט אום שַׁבָּת - זאָגט דער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּיקוּנֵי זֹהַר, דַף נז.), דאַרף מען זיין נאָך מער פרייליך מיט די ווייבּ, דערפאַר מוז מען געבּן נאָך מער גוטע ווערטער.

## אָדָם הָרִאשׁוֹן מיט חַוָּה

דער הייליגער זֹהַר פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית (דַף מט:) טייטשט אויס די פָּרָשָׁה פון אָדָם הָרִאשׁוֹן מיט חַוָּה ווי אַזוֹי ער האָט גערעדט צו איר שיינע ווערטער, זאָגנדיג (בְּרֵאשִׁית ב, כג): **"עֶצֶם מֵעֲצָמַי"**, דו בּיסט אַ בּיין פון מיינע בּיינער, **"וּבָשָׂר מִבְּשָׂרִי"**, און פלייש פון מיין פלייש, מיר זענען איינס, עַיֵּין שָׁם; דער הייליגער זֹהַר ווייזט דאָרט ווי אַזוֹי מען דאַרף רעדן צו אַ ווייבּ מיט לִיבְּשַׁאפט. איינער וואָס האָט אַרויסגעגעבּן אַ סֵפֶר אויף עִנְיָנֵי פְּרִישׁוּת, (אַגַּב, מוֹהֲרַא"ש האָט מיר געהייסן לייגן דעם סֵפֶר אין די זייט), מוטשעט ער זיך זייער אין זיין סֵפֶר מיט דעם שטיקל זֹהַר, ער ווייסט נישט וואָס צו טון דערמיט, מען זעט דאָך קלאָר ווי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי רעדט פון דאָס שיינקייט און ערליכקייט פון לעבּן מיט אַ ווייבּ, דערפאַר פּרוּבּירט ער עס מַסְבִּיר זיין עַל פִּי קַבָּלָה, אַז דאָס גייט אַרויף אויף סְפִירַת מַלְכוּת וְכוּ'... דאָס איז די גאַנצע סֵפֶר הַזֹּהַר און דאָס איז די גאַנצע קַבָּלָה, אַז מאַן און ווייבּ זאָלן רעדן שיין איינער צום אַנדערן.

## אַוועק לייגן אַלע חָכְמָה'לעך און חֶשְׁבּוֹנוֹת

שַׁבָּת איז אַ צייט וואָס מען דאַרף רעדן שיין אינדערהיים, און געבּן גוטע ווערטער; לייג אַוועק אַלע חָכְמָה'לעך און חֶשְׁבּוֹנוֹת אין די זייט, צי עס קומט יאָ אַריין דאָס גוט וואָרט אָדער נישט. איך געדענק אויך ווי פאַר פוּפצן יאָר צוריק, אין אָנהייבּ ווען איך בּין מְקוֹרָב געוואָרן צו מוֹהֲרַא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, האָבּ איך אויך געהאַט די חָכְמוֹת, אָבער מוֹהֲרַא"ש האָט מיר געהייסן רעדן שיין, דאַרף איך פאָלגן דעם מענטש פון וואָלד. אַז מען הייבּט אָן טון די אַלע עֵצוֹת בִּתְמִימוּת קומט עס שוין נאָכדעם אַריין, עס ווערט אַ פַּשׁוּט'ע זאַך, דאָס ווערט דאָס וועג פון רעדן איינער צום אַנדערן. ווען מען לעבּט אַזוֹי אינדערהיים דערמאַלט קומט די שְׁכִינָה אַריין אין שטוּב, מען ווערט אָפּגעהיטן פון עֲבֵירוֹת, און מען ווערט נאָענט צום אייבּערשטן.

## וֶוער אִיז גֶערֶעכְט

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַרוֹיס צוּ טְרַייבְּן מַחֲלֹקֶת פוּן שְׁטוּבּ, דִי אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין **"אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט", "דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט"**, עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס וֶוער אִיז גֶערֶעכְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאר אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן.

## פַארְגִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, וֶועט מֶען אוֹיךְ פַארְגִינֶען דֶעם רֶבִּי'נְס לִימוּדִים פַאר דִי קִינְדֶער, אַ זַאךְ וָואס אִיךְ פַארְגִין פַאר מִיר פַארְגִין אִיךְ אוֹיךְ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ וֶועל וַוייזְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ לִיבּ. דָאס גֶעשֶׁעט וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן וִוי עֶלְטֶערְן רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן, זֵיי וֶוערְן נִישְׁט נֶערְוֶועז אֵיינֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן. וֶוען אֵיינֶער וִויל אַזוֹי אוּן דֶער צְוֵוייטֶער וִויל פַארְקֶערְט קְרִיגְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוּם, נָאר מֶען אִיז מְוַותֵּר פַארְ'ן אַנְדֶערְן.

## נִישְׁט קֶענֶען שִׁידוּכִים טוּן...

עֶס אִיז מִיר אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה, אִיךְ שְׁטֵיי יֶעצְט בֶּעפָאר אִיךְ מַאךְ חֲתוּנָה מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַיין טָאכְטֶער, אִיךְ וואוּנְטְשׁ יֶעדְן אֵיינֶעם מֶען זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אוּן הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי. אוֹי גֶעדֶענְק אִיךְ וִוי מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט: **"דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען טוּן קַיין שִׁידוּכִים מִיט דַיינֶע קִינְדֶער!"** דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶע זַאךְ וַוייל אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען דֶערוֹיף, פוּן מַיין אָנְהֵייבּ הִתְקַרְבוּת מַאךְ אִיךְ שׁוֹין הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף דֶעם: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מֶען זָאגְט מִיר אִיךְ וֶועל נִישְׁט קֶענֶען קַיין שִׁידוּכִים טוּן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֵיי קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֵיי טְרֶעפְן גוּטֶע שִׁידוּכִים"**, אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן בִּיז אַהֶער, אוּן אִיךְ בֶּעט אוֹיף וַוייטֶער.

## וָואס אִיז אַ חָשׁוּבְ'עֶ שְׁטוּבּ?

בַּאזוּנְדֶער דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אַרַיין אִין חָשׁוּבְ'עֶ שְׁטוּבֶּער; וָואס אִיז אַ חָשׁוּבְ'עֶ שְׁטוּבּ? אַ שְׁטוּבּ וָואס דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז גֶעבּוֹיעֶט נָאר אוֹיף צוּ מְגַלֶה אוּן מְפַרְסֵם זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַוַודַאי אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטוּבּ וואוּ מֶען פָארְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, אָבֶּער עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ אַ שְׁטוּבּ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר לֶעבְּן, פוּן דָאס אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי, פוּן מוֹדֶה אֲנִי, בִּיז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן דְרֵיידְט זִיךְ אַלֶעס אַרוּם **'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הַיינְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין נָאךְ אַ אִידְ', 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְגַלֶה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן פַאר יֶעדְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער'**, דֶערְפַאר אִיז דָאס מִיר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן וַוייטֶער.

## זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין הֲפָצָה...

מַיין אַנְדֶערֶער זוּן נֵרוֹ יָאִיר דַארְף שׁוֹין אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ; אִיךְ קוּק זִיךְ אַרוּם אוֹיף שְׁטוּבֶּער פוּן מֵפִיצִים, אִיךְ וִויל אַרַיינְלֵייגְן מַיינֶע קִינְדֶער אִין חָשׁוּבְ'עֶ מְיוּחָסִים'דִיגֶע שְׁטוּבֶּער, אַ מִשְׁפָּחָה וָואס דִי שְׁטוּבּ אִיז גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז גֶעבּוֹיעֶט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מְגַלֶה אוּן מְפַרְסֵם זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי וֶועלְט. אִיךְ זָאג עֶס עֶנְק - כְּדֵי אֶפְשָׁר וֶועלְן נָאךְ מֶענְטְשְׁן זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין הֲפָצָה...

## מֶען שֶׁערְט עֶס אָפּ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דָא אִיז מֶען מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער פוּן יוּגְנְט אָן צוּ זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין; אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מַיין טָאכְטֶער אוֹיבּ עֶס גֵייט אִיר זַיין שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר צוּ דִי חֲתוּנָה, הָאט זִי מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין!" וַוייל אַזוֹי וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף פוּן יוּגְנְט אָן, אַז אַלְס מֵיידְל שְׁפִּילְט מֶען זִיךְ מִיט דִי הָאר, מֶען הָאט עֶס לִיבּ, אוּן וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה שֶׁערְט מֶען עֶס אָפּ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַזוֹי וִויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דָאס אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע נֵס אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער קֶענֶען זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג.

## דוּרְךְ דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים

דָאס דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקְן: **"עֶס אִיז יָא מֶעגְלִיךְ!"**; עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ אִיךְ זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ אִיךְ זָאל דַאוֶוענֶען, עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זַיין פּוֹגֵם זַיין אוּן עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ אִיךְ זָאל אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן. דָאס וֶוערְט מֶען גֶעוואוֹיר דוּרְךְ דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, מֶען וֶוערְט אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ"**.